**אבא קאָווגער** / עין החורש

# ירושלים־דליטא

(צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן־ווילנע)

...צווישן טײַך און באַרג איז געשטאַנען אַ ווײַסער פֿערד. זײַן רײַטער — דער שיינער פֿירשט. בײַ זײַן זײַט איז געשטאַנען אַ פמליה פֿון ריטער. אַקעגן איבער מיט געבויגענע הוילע קעפּ די נכבדים — מיט ברויט און זאַלץ אין די הענט. אין ווײַסן קלייד אויסגעפּוצט, האָט אַ מיידעלע צוגעטראָגן דעם פֿירשט אַ בוקעט רויזן. אָט האָט שוין דער פֿירשט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו נעמען דעם בוקעט, אָבער פּלוצעם האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטיק פֿעלדז פֿון שפּיץ באַרג און אַראָפּגעקײַקלט זיך אין דער נידער. גלײַך אַראָפּ אויפֿן אָרט ווו דאָס מיידעלע איז געשטאַנען מיט די בלומען. דער שטיק פֿעלדז האָט געטראָפֿן — באַגראָבן אונטער זיך דעם בוקעט רויזן, ניט אָנרירנדיק דאָס קינד. האָט געזאָגט דער פֿירשט: דאָ, ווו עס זענען באַגראָבן געוואָרן די רויזן און ס׳איז געשוינט געוואָרן אַ לעבן, וועט אויפֿשטיין מײַן שטאָט. דער טײַך האָט געהייסן ווילִיע, דער פֿירשט — געדימין, און די שטאָט — וואָס איז אַנטשטאַנען דורך רחמים — איז ווילנע.

זי איז געווען די שטאָט ניט נאָר פֿון געדימין, זי איז געווען אויך מײַן שטאָט.

אין איינעם אַ טאָג — אין צײַטן אַרום — איז געשטאַנען אַן עדה ייִדן צווישן די ווענט פֿון דער גרויסער שול. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ מלחמה. אַ פֿרעמדע מלחמה. אין דער שול האָט מען אָנגעהויבן זאָגן דעם ונתנה תּוקף פֿון ימים נוראים. די ווענט האָבן געציטערט פֿון האַרמאַטן־קנאַלן. די הערצער האָבן אַוודאי געפּלאַטערט פֿון שרעק, אָבער מיט זיי און צווישן זיי איז געשטאַנען דער צדיק, דער גאון. און ווען אַ האַרמאַטן־קויל איז געפֿאַלן אויף דער שול, האָט ר׳ אליהו אויפֿגעהויבן זײַן האַנט און די קויל איז געבליבן שטעקן אין דאַך פֿון דער שול און האָט ניט אָנגערירט די מתפּללים.

איך געדענק נאָך ביז הײַנט ווי מײַן פֿאָטער ז״ל האָט מיך געפֿירט פֿאַר דער האַנט צו באַווײַזן דעם פֿאַרשטיינערטן נס אויפֿן שול־הויף, ווו אויפֿן דאַך פֿון דער שול האָט געשטעקט פֿאַרמויערט די קײַלעכדיקע האַרמאַטן־קויל ווי אַ לעבעדיקער עדות פֿון בטחון ביז צום לעצטן דור. אָבער איך בין געווען דער־עדות פֿון לעצטן דור.

זיבעציק טויזנט זענען מיר געשטאַנען צווישן די מויערן. און דאָס מאָל איז געווען אַן אַנדער מלחמה. און אפֿשר דערפֿאַר ווײַל צווישן אונדז איז ניט געווען דער צדיק און אפֿשר דערפֿאַר ווײַל די הימלען זענען דאָס מאָל געווען פֿאַרריגלט — די קויל איז ניט געבליבן הענגען אין חלל. חללים זענען געפֿאַלן מיר, די גאַנצע עדה ייִדן, און אויף אונדז די מויערן. די רויזן האָבן געבליט און דאָס לעבן איז פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט אַש. אין צווישן האָבן דאָ געלעבט צוואַנציק דורות פֿון מײַנע אָבֿות. און עס איז געווען דער גאון ר׳ אליהו, וועלכער איז געזעסן פֿערציק יאָר הינטער פֿאַרמאַכטע פֿענצטער — איידער ער איז געוואָרן איינער פֿון די ליכטזײַלן פֿון זײַן פֿאָלק — און געלערנט תּורה בײַם שײַן פֿון





אַ ליכט. און עס איז געווען אָדם הכּהן, וועלכער האָט אויפֿגעריסן פֿענצטער צו דער וועלט, אָבער ניט ווי זײַנע ברידער־משׂכּילים אין מערבֿ, איז ער געשטאַנען מיטן פּנים ניט צום דרויסן, נאָר מיטן פּנים צו זײַן פֿאָלק און זײַן ירושה. און עס איז געווען זײַן זון מיכה־יוסף — מיכ״ל — וואָס בײַ זײַנע זיבן און צוואַנציק יאָר איז ער געוואָרן דער פֿאָטער פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער ליריק. און עס איז געווען אײַזיק־מאיר דיק, וועלכער האָט זיך מסתּמא ניט משער געווען, אַז אין דורות אַרום וועלן די דינע העפֿטעלעך פֿון תּמימות־דיקן פֿאָטער פֿון ייִדישן ראָמאַן געלייענט ווערן מיט יראת־הכּבֿוד. און עס איז געווען קלמן שולמאַן, וועמעס מסתּרי פּריז איז נאָך געווען אונדזער יוגנט־ליטעראַטור. און עס איז געווען יהודה־לייב גאָרדאָן, דער טראַגישער ריז, און עס איז געווען דער לץ פֿון די ייִדישע געסלעך, מאָטקע חבד, און עס איז געווען דער, וועמעס גאַנג צו דער תּליה איז געווען אַ וועקער צו גבֿורה און אומרו — הירשקע לעקערט. און עס איז געווען אַרקאַדי קרעמער, איינער פֿון די מבֿשׂרים פֿון בונד, די באַוועגונג וועלכע האָט אויסגעלייזט אַזוי פֿיל ייִדישע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און זי געלענקט אין דעם אַנטווישנדיקן שטראָם פֿון דער געשיכטע. און עס איז געווען ד״ר עפּשטיין און ד״ר רעגענסבורג, וועלכע האָבן אין געהיים, מיט אומוועגן און מוט, אויפֿגעשטעלט די שיינע העברעיִשע גימנאַזיע, וואָס איז געוואָרן די יצירה־הויז פֿון יוגנטלעכן רענעסאַנס. און עס איז געווען ייִדישע וועלט פֿון שמואל ניגער און עס זענען געווען די גרינדערס פֿון ייִוואָ, וועלכע האָבן זיך אפֿשר פֿאָרגעשטעלט, אַז זיי שטעלן אויף יבֿנה־דליטא. און אין אַ מ אָ נ ט י ק האָט אויפֿגעלויכטן ווי אַ מעטעאָר משה קולבאַק און מיט אים און אַרום אים האָט זיך אויסגעשטערנט דער ווילנער הימל מיט אַ פּלעיאַדע דיכטערס, שרײַבערס און קינסטלערס, וועמעס בגדים זענען געווען אָנגעזאַפּט מיטן שווייס פֿון די ייִדישע געסלעך און די אויגן זענען פֿול געווען מיט בשׂורה. ביז עס זענען אַרונטערגעריסן געוואָרן די שטערן צוזאַמען מיטן הימל — — —

*

אָנקומענדיק אין אַ שלאַקס־רעגנדיקן סעפּטעמבער־טאָג אין די רודניקער וועלדער, נאָך צוויי יאָר בלוטיקן געראַנגל אין געטאָ, נאָכן באַוואָפֿנטן טראַגישן מאַרש דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, האָבן מיר זיך ווי געשפּענסטער אויסגעשטעלט אויף דער פֿרעמדער אומבאַקאַנטער ערד פֿון דער פּושטשע צום ערשטן פּאַרטיזאַנישן אַפּעל. און נאָכן אָפּזינגען אונדזער הימען „זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" איז צוגעגאַנגען צו מיר דער קאָמיסאַר פֿון דער פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע, אַ הויכער סאָוועטישער אָפֿיציר, אַגבֿ, אַ ליטווישער פּאָעט, און האָט אַזוי גערעדט: „זאָג מיר — האָט ער געפֿרעגט — ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז אײַער פֿאָלק איז אַזוי געגאַנגען צום טויט". ער האָט די פֿראַגע געשטעלט ניט לגנאי, נאָר מיט שטוינונג. האָב איך אים אָנגעקוקט און געוואָלט געבן אַן ערלעכע תּשובֿה. אָבער וואָס האָב איך אים געקענט זאָגן? צי קען מען דען איבערגעבן וואָס האָט געהייסן נאַצישער טעראָר? אַז איך אַליין, ווען עס טויכן אויף פֿאַר מיר די בילדער פֿון נעכטן, שטוין איך. צי דען איז עס טאַקע געווען וואָר? צי אין וואָר געווען יענער דעצעמבער־נאָכמיטאָג, ווען איך בין געשטאַנען צוגעדריקט צו דער וואַנט אַקעגן איבער דעם טויער רודניצקער און אָפּגעוואַרט דעם אָנקום פֿון אַ חבֿר, וועלכער האָט אין יענער שעה געדאַרפֿט אַרײַנשמוגלען אין געטאָ דעם ערשטן רעוואָלווער. און אָט איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט און דער לאַמטערן בײַם מויער האָט זיך אָנגעצונדן אין ליכט פֿון לאַמטערן האָט געשימערט אַ פּוכיקער שניי. און עס האָט זיך אַן עפֿן געטאָ

דאָס הילצערנע טויערל און איינער האָט אויסגעריטשעט אַ באַפֿעל און אַ טויזנט־קעפּיקע מחנה איז שטיין געבליבן אין אַ קאָלאָנע.

דער שניי איז געפֿאַלן אויף אַלע אײַנגעבויגענע רוקנס און עס האָט זיך געדוכט, ווי איין גרויסער ווײַסער רוקן שטיינערט בײַם טויער. און נאָך אַ באַפֿעל איז געפֿאַלן — און פֿאָרווײַז, פֿאָרווײַז האָבן זיך הענט אויפֿגעהויבן און מיט אויפֿגעהויבענע הענט איז מען אַדורך דעם טויער. און קיין וואָרט, קיין שטים, נאָר די טריט פֿון הילצערנע קלומפּעס אין שניי. און ווי ניט־דאָיִקע האָבן זיך ייִדן דורכגעשלײַכט דורך די געסלעך יעדער צו זײַן נאָרע און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף צוריק, אַפֿילו ווען עמעצער איז אומגעפֿאַלן אונטער האַרצרײַסנדיקן געשריי. זענען דאָס געווען מײַנע ברידער? יאָ, דאָס זענען געווען מײַנע ברידער.

אָבער געקענט האָב איך דערציילן דעם חבֿרישן, דאָך פֿרעמדן קאָמיסאַר, ווי אַזוי פֿאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך געצויגן אָנסופֿיקע שורות פֿון סאָוועטישע זעלנער. באָרוועסע, אין שמאַטעס, אויסגעהונגערטע, פֿאַרפּײַניקטע, און זיי, די מ ע נ ע ר וואָס ערשט נעכטן זענען זיי געווען זעלנער, זענען געפֿירט געוואָרן, כּמעט אָן באַוואַכונג, אין דער ז ע ל ב ע ר ריכטונג ווו מײַנע ברידער... די ציינער זענען אפֿשר געווען פֿאַרקריצט, אָבער קיין איינער פֿון די זעלנער האָט זיך ניט געוואָרפֿן אויף זײַנע רוצחים. און שפּעטער ווען מיר, ייִדישע פּאַרטיזאַנער, געטאָ־מענטשן, האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין לאַגער פֿון סאָוועטישע געפֿאַנגענע, כּדי זיי צו באַפֿרייען, האָבן נאָר געציילטע פֿון זיי געוואַגט צו ריזיקירן און מיטגיין מיט אונדז אין וואַלד. די אַנדערע זענען געבליבן אין שרעק און אין אָנמאַכט.

און איך האָב געקענט דערציילן וועגן אויפֿגעגראָבענע מאַסן־קבֿרים אין פּאָנאַר, צווישן זיי אַ ברודער־קבֿר פֿון ייִדן מיט געבונדענע הענט אויפֿן רוקן און דערנעבן אַ גרוב פֿון מענער פּאָליאַקן, וועמעס הענט עס זענען ניט געווען געבונדן און זיי זענען געגאַנגען צום טויט ווי אונדזערע מאַמעס און קינדער. געקענט האָב איך דערציילן וועגן טויזנטער פֿון דער פּוילישער אינטעליגענץ, וועלכע זענען אַרויסגעפֿירט געוואָרן צום טויט פֿון ז י י ע ר ע ה י י מ ע ן, פֿון ז י י ע ר ע ג אַ ס ן, אָן געטאָ־טויערן און קיין איין שאָס איז ניט געפֿאַלן, און קיין שום ווידערשטאַנד איז ניט געווען. און דעמאָלט האָב איך נאָך ניט געוווּסט וואָס איך ווייס הײַנט צו דערציילן וועגן דער א מ ת ע ר געשיכטע פֿון דער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג בײַ די פֿעלקער וואָס זענען ערשט נעכטן געווען גרויסע מדינות און געהאַט זייער אייגן מיליטער. וויפֿל פֿון זיי האָבן טאַקע געקעמפֿט מיטן אָקופּאַנט און וויפֿל פֿון זיי זענען געווען אונטערטעניק. אין ד ע ם חשבון האָבן מיר זיך ניט מיט וואָס צו שעמען און דאַרפֿן ניט פֿאַר קיינעם זיך שעמען.

די חרפּה איז ניט פֿונעם פֿאָלק פֿון קרבנות, נאָר פֿונעם פֿאָלק פֿון די רוצחים. די חרפּה איז אויף די וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צום מאָרד און געשוויגן. דאָס איז דער ענטפֿער ווען מען שטעלט אונדז די פֿראַגע, אָבער דאָס איז ניט דער ענטפֿער ווען מיר שטעלן זיך אַליין די פֿראַגע. און די פֿראַגע, וואָס עקבערט אין אונדזער מוח און אין אונדזער האַרצן שוין צוואַנציק יאָר, בלײַבט אָן אַן ענטפֿער. די אימה פֿון יענע טעג אין באַוווּסטזײַן פֿון די לעבן־געבליבענע איז ניט נאָר דער זכּרון פֿון טויט, נאָר דאָס געפֿיל פֿון שולד. דאָס שווידערלעכסטע באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס שולדגעפֿיל רודפֿט ניט





דעם באַוווּסטזײַן פֿון די מערדער, נאָר לעבט אין די הערצער פֿון די קרבנות. שוין צוואַנציק יאָר ווי אונדז רודפֿט — אין קאָשמאַרנע נעכט — די פֿראַגע: צי האָט עס געמוזט געשען אַזוי, צי האָט מען ניט געקענט פֿאָרויסזען, צי האָט אַ פֿאָלק ניט געקענט פֿאַרמײַדן זײַן גורל? און — אויסטערליש — מער ווי יעדן אַנדערן פּײַניקט אָט די פֿראַגע דעם קעמפֿער: צי האָט מען ניט געקענט מער ראַטעווען? צי האָט מען ניט געקענט בעסער זיך באַוואָפֿענען? עפֿעקטיווער קעמפֿן?

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1943, פֿינף פֿאַר טאָג, האָבן מיר זיך אַ ריס געטאָן מיט געווער אין האַנט און אַרויף אויף אונדזערע פֿאָרויס־צוגעגרייטע באַריקאַדן צו באַגעגענען די אַרײַנמאַרשירנדיקע דײַטשן אין געטאָ, זײַענדיק איבערצײַגט אַז עס האָט געשלאָגן אונדזער לעצטע שעה, די שעה פֿון קאַמף. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר זיך ניט פֿאָרגעשטעלט אַז די געשטאַפּאָ און ס. ס. וועט זיך צוריקציִען פֿון די געטאָ־טויערן נאָכן ערשטן פֿײַער־צוזאַמענשטויס און דער קאַמף וועט אַזוי אומגלייבלעך זיך אויסלעשן ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער אין דער דאָזיקער שעה, ווען איך האָב פֿאַרמאַכט דעם טויער פֿון סטראַשון־גאַס זעקס און באַפֿוילן צו פֿאַרבאַריקאַדירן די פּאָזיציע פֿון שטאַב, איז צום טויער צוגעפֿאַלן מײַן מאַמע און מיט אויפֿגעריסענע אויגן פֿון שרעק געפֿרעגט: „מײַן קינד, זאָג מיר וואָס דאַרף א י ך טאָן?" האָב איך, דער קאָמאַנדיר פֿון די קעמפֿערס, אָפּגעווענדט פֿון איר מײַן בליק און געזאָגט: „מאַמע, איך ווייס ניט!" און ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך ניט, צי איך בין ווערט דעם כּבֿוד פֿון אַ ייִדישן קעמפֿער אָדער די קללה פֿאַר אַ זון, וועלכער האָט פֿאַרלאָזן זײַן מאַמע און ניט געגאַנגען מיט איר אין לעצטן וועג. ווײַל די וועגן צום טויט האָבן זיך דעמאָלט צעשיידט און איך ווייס ניט צי אַ וועלכער ניט איז זעלנער אויף דער וועלט האָט אין זײַן קאַמף און ווידערשטאַנד דורכגעלעבט די דילעמע וואָס עס האָט איבערגעלעבט אַ ייִדישער קעמפֿער. מײַן מאַמע איז איר וועג געגאַנגען ניט אַליין. מיט איר זענען געגאַנגען אַכציק דורות ייִדן.

אין דעם אָפּגעראַטעוועטן טאָגבוך פֿון זעליג קלמנאָוויטש, וועמעס בלעטער זענען מיט מסירת־נפֿש אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון די חורבֿות פֿון געטאָ, פֿאַרעפֿנטלעכט דורכן ייִוואָ אין ניו־יאָרק, געפֿינט זיך איינס פֿון די אויטענטישסטע און אַכזריותדיקסטע קאַפּיטלען וועגן דער אָ דילעמע. זעליג קלמנאָוויטש, אָט דער שיינגײַסט פֿון ווילנע, האָט פֿאַר אונדז, די קעמפֿערס, געהאַט נאָר אַ קללה. איך געדענק יענעם לאַנגן און ווייטיקדיקן אָוונט אין געטאָ, ווען איך האָב געפּרוווט איבערצײַגן קלמנאָוויטשן אין דער נויטווענדיקייט פֿון פֿיזישן און באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד, וועלנדיק באַשײַנען אונדזער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט זײַן נאָמען. און ער, האַלטנדיק אין האַנט אַן אַלטן ספֿר, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין, ניין!" צענדליקער טויזנטער פֿון אונדזערע ברידער זענען שוין געלעגן אין פּאָנאַר און ער, ווי אַ סך אַנדערע, האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז דער סוף פֿון ייִדישן לעבן. ווײַל צו מענטשלעך איז ער און זײַנס גלײַכן געווען כּדי צו קענען באַנעמען די אוממענטשלעכקייט, די נידערטרעכטיקייט פֿון די נאַצישע שיטות, פֿון די דײַטשע מערדערס. זיי, וואָס האָבן אונדז באַטראַכט ווי אונטערמענטשן, האָבן אָבער געוווּסט, אַז מען קען אונדז אַזוי פֿאַרפֿירן, נאָר אויסנוצנדיק אונדזער טיפֿן גלויבן אין מענטשלעכקייט, וואָס מיר האָבן, ליידער, געמיינט צו געפֿינען אַפֿילו בײַ די נאַצי־בעסטיעס.

מענטשן וואָס לעבן אויפֿן ראַנד פֿון אַ ווולקאַן קערן זיך אום צו זייערע היימען נאָכן אויסבראָך, האָפֿנדיק, אַז ניט שטענדיק זייט מיט טויט אַפֿילו אַ ווולקאַן. איז דאָס אַ חרפּה אַז מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין די זיך קרישלענדיקע ווענט פֿון געטאָ, און געהאָפֿט אַז אויך בײַ דער בעסטיע וועט זיך דערוועקן מענטשלעכקייט? „מיר — האָט געזאָגט קלמנאָוויטש — וועלן מיט כּוח קיין זאַך ניט אויפֿטאָן, מיר וועלן נאָר דערנענטערן דעם סוף. דעם סוף דאַרפֿן מיר באַגעגענען, ווי עס האָבן אים באַגעגנט אונדזערע אָבֿות". איך ווייס ניט צי קלמנאָוויטש איז געווען גערעכט אָדער אומגערעכט. אָבער אויב אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט, איז דאָס געווען דערפֿאַר, ווײַל אין דער שעה, אויף די געסלעך פֿון ווילנע, האָבן זיך אפֿשר געשיידט די וועגן פֿון דער ייִדישער געשיכטע. מיר, די קעמפֿערס און ניט קלמנאָוויטש, זענען געווען די פֿרעמדע אויף אָט די געסלעך. מיטן גוף האָבן מיר געהערט צו ווילנע, אָבער אין גײַסט — ווער פֿון אונדז באַוווסטזיניק און ווער ניט־וויסנדיק וועגן דעם — האָט שוין געהערט צו אַן אַנדער דור און צו אַן אַנדער ערד. צו דעם דור, וועלכער וועט שוין קיין מאָל ניט ווערן געפֿירט צו אַ שחיטה. אפֿשר דערפֿאַר איז פֿאַרשטענדלעך אונדזער דעמאָלטיקער מטורפֿדיקער מוט.

באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק זענען מיר געווען ניט דער לעצטער דור פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, נאָר דער ערשטער דור פֿון גאולה.

✶

צײַטנווײַז גיט אַ נאָג אַ בענקשאַפֿט צו ווילנע, צו אונדזער היימשטאָט. עס וואָלט זיך געוואָלט אַזוי, אַלע צוזאַמען אומקערן אַהין און אַ בליק טאָן נאָך איין מאָל אויף אונדזער ירושלים־דליטא. אָבער דאָס איז נאָר אַ קאָשמאַרנער דמיון. ניט נאָר דערפֿאַר ווײַל די טויערן דאָרט זענען פֿאַרמאַכט, ניט נאָר דערפֿאַר וואָס אונדזערע קדושים ליגן דאָרט אין אַש, נאָר ווײַל ווילנע איז דאָרט ניטאָ. מחמת ווילנע אָן ירושלים איז ניט ירושלים־דליטא. אָבער צי דען איז ירושלים אָן ליטע — ירושלים?

קלמנאָוויטש איז געגאַנגען זײַן לעצטן וועג מיט אַן אַלטן ספֿר אין זײַן האַנט. אפֿשר האָט ער ניט באַנומען אַז דער ספֿר ווערט אין דעם מאָמענט ג ע ח ת מ ע ט. אָבער דער ספֿר איז אַ באַנד פֿון איבער טויזנט אַכט הונדערט יאָר ייִדישער געשיכטע. און מיר דאָ האַלטן אין האַנט דעם צווייטן טייל פֿון דעם ספֿר, אַ צאַרטן און דינעם, וועלכער ציילט נאָר פֿופֿצן יאָר. יהי רצון, אַז די ביידע בענד זאָלן ווערן באַהאָפֿטן אין איין אומצערײַסלעכן באַנד און דעמאָלט וועט ווילנע־של־מעלה לעבן ניט נאָר אין אונדזער זכּרון, נאָר אין געדעכעניש פֿון גאַנצן פֿאָלק עד סוף כּל־הדורות.